## אוצר

# גראמען

שנחברו ע״י


הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי שליט״א

הרב יחיאל מיכל טווערסקי שליט״א





שמחת שבע ברכות של

שמחה בונם ודבורה לאה

שפירא

י״ז סיון תשס״ח

קובץ זה יצא לאור
לכבוד שמחת נישואין של
שמחה בונם ודבורה לאה שפירא
י"ד סיון תשע"ח

Cover design by:
pencilpointmarketing

# תוכן הענינים

## מאת הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי שליט"א


א פרייליכען תשעה באב......ג
אז ישיר......ז
בר מצוה......יא
ברוך מנחם ציון......יז
גלות אין חב"ד......כא
הלל......כה
חסידות פון חב"ד......ל
מזמור שיר ליום השבת......לג
נחמו נחמו עמי......לז
פורים......לט
שבע ברכות......מה


## מאת הרב יחיאל מיכל טווערסקי שליט"א


א גיטען שבת......נב
אויפריף......נג
מזמור שיר חנוכת הבית......נו
מי שענה......נח
מיר גייען אהיים......ס
קרב יום......סד
ר' עקיבא......סו

# א פרייליכען תשעה באב



מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

תשעה באב ביי נאכט אז מהאט שוין אפגעזאגט די קינות
לייגט מען זיי אין שימות צו באהאלטען
ווייל לשנה הבאה, בעזרת ה׳
וועט מען דער תענית מער נישט דארפען האלטען
אנשטאטס פון לערנען קמצא ובר קמצא
וועט מען לערנען מלתא דבדיחתא
אנשטאט עוסק זיין אין הלכות אבילות
וועט מען לערנען הלכתא למשיחא

ס׳וועט זיין א בית המקדש במהרה בימינו
נאך שענער ווי דער ערשטער און דער צווייטער
וואס וועט מן השמים אראפקומען
א גאנצער א פארטיגער א גרייטער
ס׳וועט מער נישט זיין קיין צרות יגון ואנחה
פונם גלות וועט שוין זיין א סוף
און איינער דעם צווייטען וועט זיך ווינטשען
א פריילעכען תשעה באב

אין דער דריי וואכען וועט מען טראגען
נייע בגדים וואס זיי וועלען גלאנצען
און אויף שמחות, חתנות און תנאים
וועט מען רקידות מצוה טאנצען
פון אלא הייזער וועט מען הערען
זמירות זינגען און כלי זמרים
אפילו דיביימער וועלען טאנצען

# א פרייליכען תשעה באב

ויפצחו הגבהות וההרים
אין די ניין טעג וועט מען עסען פלייש פון שור הבור
און טרינקען דעם יין המשומר
און אלא הארצער וועט זיין פרייליך
און עס וועט זיין מלא שמחה ורינה
ס׳וועלען מקוים ווערען אלע ברכות
און עס וועט זיין א שפע לרוב
און איינער דעם צווייטען וועט זיך ווינטשען
א פריילעכען תשעה באב

עזרא הסופר וועט זיין דער בעל קורא
און ס׳וועט טאקע זיין א מחיה
אין שבת חזון וועט עולה זיין צו מפטיר
דער נביא ישעי׳
חזון ישעיהו וועט ער זינגען
מיט א שמחת תורה׳דיגע תנועה
בנים גדלתי ורוממתי
איך האב זיי שוין געבראכט דער ישועה

הוי גוי חטא - א ריינע פאלק
עם כבד עון - וואס ביי זיי איז א זינד שווער
זרע מרעים - די קינדער פון די אבות
על מה תבו - וואס קומט זיי שלאגען מער
צו קידוש וועט מען מאכען פערציג קוגלען
מיט ראזענקעס און מאנדלען אין דער מיטען
און איינער דעם צווייטען וועט זיך ווינטשען
האב דמיר א תשעה באב א גוטען

חסידים און מתנגדים וועלען מאכען שלום
און צוזאמען פראוון שלש סעודות
און דער הייליגער גאון וועט קומען הערען
דער הייליגער בעל שם טוב זאגען חסידות
פאר מלוה מלכה וועט דוד המלך
שפילען אויפ׳ן פידעל דעם איש חסיד

# א פרייליכען תשעה באב

און אליהו הנביא וועט זינגען אליהו
דאס וועט אי״ה אלעס זיין לעתיד
ערב תשעה באב וועט מען נישט זיצען אויפ׳ן ערד
צו דעם סעודה המפסקת
נאר פון בשר תודה און קרבן שלמים
וועט זיין א סעודה המספקת
פון שירת הלוים
וועט מען נהנה זיין כל מראה וריח
און איינער דעם צווייטען וועט זיך ווינטשען
האב ז׳מיר א תשעה באב שמח

תשעה באב צופרי וועט מען גיין אין מקוה
און גיין צו דער מעמדות ביי קרבנות
צו שחרית וועט מען אנטוהן טלית ותפילין
און טרינקען א לחיים אונם תענית
משה רבינו וועט ארויף אויפ׳ן בימה
און דרשנען פאר אונז חידושי תורה
און אהרן הכהן וועט מקטיר זיין קטורת
און אנצינדען דעם הייליגע מנורה

נאך דער עבודה וועט מען גיין הערען
שיעורים אין אלע ישיבות
פון רבינו תם און רש״י, ראב״ד און רמב״ם
פון קצות החושן און פון נתיבות
משיח וועט פראווען א סעודת יום הולדת
און מ׳וועט עם ווינטשען מזל טוב
און איינער דעם צווייטען וועט זיך ווינטשען
א פרייליכען תשעה באב

אז פון תשעה באב זאל ווערען א פרייליכער יום טוב
איז דאך ביי אונז דער ברירה
היום אם בקולו תשמעון
וועט מען מבטל זיין דער ביטערע גזירה
מיר קענען זיין צוריק אין ירושלים

# א פרייליכען תשעה באב

און פירען זיך ווי בני מלכים
אויב מיר וועלען היטען דער אויבעשטער׳ס תורה
און גיין אין אלע זיינע דרכים
בעטען מיר אלע רבונו של עולם
השיבנו אליך ונשובה
נעם אונז פריער צוריק, וועסטו זעהן
אז מיר וועלען באמת אלע טוהן תשובה
דו זעהסט דאך אליין אז הגשם חלף
כי הנה עבר הסתיו
ס׳איז שוין צייט אז דו זאלסט אונז אליין אנווינטשען
א פרייליכע׳ן תשעה באב




מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**פזמון:**

**אזוי האט מען געזינגען, בצאתם ממצרים**
**און אזוי וועט מען זינגען, צוריק קיין ירושלים**
**די זעלבע שירה, וועט מען זינגען נאך אמאהל**
**אז ישיר משה, ובני ישראל**

ווען עס איז אנגעקומען, די הייליגע מאמענט
ווען מיר זענען געווארען, פריי פון פרעה'ס הענט
דערווייל איז עס געווען, בלויז א שיינע חלום
ווייל פרעה האט אונז נאכגעיאגט, מיט זיינע חיילים
פון אונטען יאגט די שונא, אוןווארפט אונז אן א שרעק
פאר אונז ליגט די טיפע ים, מען שטייט שוין ביי די ברעק
זאגט אונז אבער משה, די בשורה די גרויסע
ואתם תחרישין און איר זאלט נישט געוואלדען
יודישע קינדער, וועלען זעהן גרויסע וואונדער
דער אויבעשטער אליין, וועט פאר אייך מלחמה האלטען

**פזמון**

נחשון בן עמינדב, איז אין ים אריין
מען דארף זיך ברודער יודען, מוסר נפש זיין
האט דער אויבעשטער געבראכט, פון מזרח זייט א ווינט
און דער ים האט זיך געשפאלטען, גאר געשווינד
דער אויבעשטערס השגחה, האבען מיר געזען בחוש
אין מיטען טיפען ים, צוועלף וועגען טריקעניש
די מצרים האבען געלאפען, זיי האט דאס געטראפען
דער וואסער האט זיי פארדעקט, פון גרויס ביז קליין
מיט אונזער בטחון, האבען מיר געהאט נצחון

# אז ישיר

מצרים מת על שפת הים, האבען מיר געזעהן

**פזמון**

דענסמאלט האט משה, געזינגען מיט די קהל
און איהם האט נאכגעענטפערט, כל בני ישראל
איך וועל זינגען צום גרויסען ג-ט, פון הימעל און פון ערד
אין וואסער האט ער געווארפען, די רייטער מיט די פערד
מיט שטארקייט און געזאנג עזי וזמרת קה
איז מיר געווען צו א הילף ויהי לי לישועה
דאס גלוי שכינה, אין די גרעסטע בחינה
וואס יחזקאל הנביא, האט נישט משיג געווען
דאס אש להבה, פון די הייליגע מרכבה
האט אפילו א שפחה, אויף'ן ים געזעהן

**פזמון**

אפילו קליינע איפעלעך, יונקי שדים
האבען געוויזען מיט די פינגער, זה אבי שבשמים
דאס איז מיין ג-ט און איך וועל פאר איהם מאכען שיין
מיט א טלית, און א אתרוג, וואס איז מלא חן
דאס איז מיין שטארקער ג-ט, און איך וועל פאר איהם לויבען
די ג-ט פון מיין פאטער, און דערפאר וועל איך איהם דערהויבען
ה' איש מלחמה, האט גענומען מיין נקמה
מיט זיין כח וועל איך, די שונא איבערקומען
איך האב פאר קיינער מורא, ווייל איך גיי מיט די בורא
ה' שמו הוי' איז זיין נאמען

**פזמון**

פרעה'ס רייט וועגענעס, געווארפען אין ים
מיט די בעסטע רייטער,ביידע צוזאם
די וואסער האט זיי צוגעדעקט, און אראפ צו די פיש
זענען זיי געזונקען, ווי א שטיין אין טיפעניש
דיין רעכטע האנט איז שטארק ג-ט, דיין רעכטע האנט האט מאכט
און מיט דיין רעכטע האנט, האסטו די שונא אומגעבראכט
מיט דיין גרויס גאונית, צושמעטערסט דו די שונא
ווען דו ברענגסט אויף איהם, דיינע גרויסע צארען
און די בייזער גוי, ווי א דינע שטרוי

## אז ישיר

אין דיין שטארקע פייער, איז ער פארברענט געווארען

**פזמון**

מיט דיין שטארקע ווינט, האסטו געטאהן א בלאז
און די וואסער האט זיך פארגליווערט, ווי א וואנט פון גלאז
דיין שונא האט געזאגט, איך וועל איהם נאך יאגען
איך וועל איהם דערגרייכען, מיין האנט וועט איהם דערשלאגען
מיט דיין שטארקע ווינט, האט דאס וואסער איהם דערטרינקען
ווי א שווערע בליי, איז ער געווארען איינגעזינקען
דו האסט אזא שטארקייט, באשיינט מיט איידעלקייט
דיינע וווּנדער טוהען, אויף די וועלט קלינגען
דיין האנט האסטו אויסגעשטרעקט, די וואסער האט זיי באדעקט
די ערד האט זיך געעפענט, איהם האט זיי איינגעשלינגען

**פזמון**

די פאלק וואס דו האסט אויסגעלייזט, מיט ליבשאפט זיי געפירט
און מיט א בית המקדש, האסטו זיי באצירט
די פעלקער האבען געהערט, און עס האט זיי אנגעכאפט א ציטער
און די פלשתים, איז געווארען ביטער
אלע עשיוס הארען, האט אנגעכאפט א שרעק
אז פאר יעקב׳ס קינדער, מוזען זיי אוועק
און אין די זעלבע צייט, האבען מואבים שטארקע לייט
ווי א פיש אין וואסער, צו ציטערען אנגעפאנגען
און ווער עס איז פארהאן, אין די לאנד כנען
ווי וואקס אין פייער, איז ער געווארען צוגאנגען

**פזמון**

ווען די פעלקער האבען, דיין שטארקע האנט געזעהן
זענען זיי געווארען, שטום ווי א שטיין
ביז דיין פאלק דאס ים, וועט אריבער לויפען
דאס דאזיגע פאלק, וואס דו האסט געטוהן קויפען
דו וועסט זיי ברענגען צו דיין בארג, און דארט וועסטו זיי פלאנצען
ווי די הייליגע שכינה, וועט ארויס גלאנצען
עס וועט זיין א קדושה, פון א בית שלישי
אין דאס זענען מיר, זייער שטארק גלויביג
און מיר זענען פרייליך, אז ג-ט איז אונזער מלך

# אז ישיר

און ער וועט אויף אונז, קעניגען אויף אייביג

**פזמון**

בקרוב וועט אליהו, מבשר דין די בשורה
יודעלעך גייט צוריק, צו דעם אלטען דירה
די וואסער וועלען זיך שפאלטען, און פון גרויס ביז קליין
וועלען מיר צוריק, קיין ירושלים גיין
מיר וועלען זיין צוריק, במקום של זבחים
ונאכל שם, מן הזבחים ומן הפסחים
עס וועט זיין א נחת רוח, אז די מלך המשיח
וועט פאר אונז אויפשטעלען, א וועלט גאר א נייע
עס וועט זיין הכל מודה, יחד כולם הודו
ה' מלכותיה קאים, לעלם ולעלמיא

**פזמון**




מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**פזמון:**

**אבינו שבשמים הבט נא וראה**
**הלא אח עשו ליעקב ובמה בעית טפי**
**רבונו של עולם קוק אראפ און זעה**
**וזכור לנו היום ברית שלש עשרה**

ווען אונזער בר מצוה דער בעל ברית שלש עשרה
זאגט פאר אונז חידושי תורה
זעהען מיר פאר אונז שטייט
אן אויסגעארביטע סחורה

ווער אבער ווייסט וויפיל שווייס
וויפיל כוחות און וויפיל מיה
טאטע מאמע האבען אריינעגלייגט
ביז מ'האט איהם געבראכט דערצו

צו איז פארהאן נאך א פאלק
וואס זאל ביי איהם זיין אזוי
צו איז פארהאן אן אומה ולשון
וואס זאל זיין אשרי יולדתו

צו איז דאך פארהאנען נאך א פאלק
אויפן גאנצען כדור עולם
וואס מבטן לשמך
המה נמולים

**פזמון**

ווען א יודיש יונגאלע

# בר מצוה

טוט אויף דער וועלט אראפ קומען
מיט תורה ומצוות ומעשים טובים
ווערט ער באלד ארומגענומען

ווען ער עפענט די אייגילעך אויף
אין די נייע וועלט וועט איהם באקאנט
דערזעהט ער שוין דעם שיר המעלות
הענגען פאר איהם אויף דער וואנט

און צו דער פילע וואך ביי די וואכט נאכט
דערציילט מען איהם דעם סוד
זאלסט וויסען זיין אז אונזער ג-ט
ה׳ אלקינו אחד

און אויף צו מארגענ׳ס אינדערפרי
דערוויסט זיך דאס קינד אליין גאר גוט
אז בדמיך חיי
צו זיין א יוד מיז קאסטען בלוט

**פזמון**

און אויב דאס יונגאלע איז א בכור
האט נאך א מצוה ג-ט געהייסען
אז ווען ער ווערט א חודש אלט
פון דעם כהן איהם אויסלייזען

די שכונה ריהט אויפן כהן׳ס הענט
ווען ער זאגט ברכת כהנים
דער אויבערשטער זאל דיך היטן און בענטשען
אין אלע דרכים אלע זמנים

און ביי די נאכט ווען דאס קינד שלאפט איין
און די באבע וויגט דאס וויגאלע
דערציילט זי איהם גאר אן אלטע מעשה
פון א גאלדן ציגאלע

# בר מצוה

מיט ראזענקעס און מאנדלען איז גיט צו האנדלען
אבער נישט דאס איז די בעסטע סחורה
ספרים צו שרייבן און א יוד צו בלייבן
און לערנען זאלסטו אלעמאל תורה

**פזמון**

געווארען דריי יאר מ׳שערט אפ די האר
און קליינע פאה׳לעך לאזט מען איהם
אן ארבע כנפות׳ל טוט מען איהם אן
תרי״ג מצוות געדענקען אומעטום

אויפן קעפאלע א קאפילע טראגט
און ס׳זאל פון דיר קיינמאל נישט אראפ
כדי זיך דערמאנען אז ס׳איז פארהאנען
נאך עפעס העכער איבער דיין קאפ

און אינדערפרי מודה אני
און ווי א ברכה צו מאכען
כדי צו לויבן אין ווענען מיר גלויבן
וואס ער גיט אונז אלע זאכען

שמע בני הער זיך צו
דער טאטענ׳ס שטראף זאלסטו צו הערן
און וואס די מאמע זאגט דיר אן
זאל פון דיר נישט פארגעסן ווערן

**פזמון**

אזוי גייט דער צייט ער ווערט שוין א לייט
דער שכל וואקסט ביי איהם כסדר
ער דארף שוין ווערען א תלמיד חכם
שיקט מען איהם אריין אין חדר

דער רבי לערענט איהם די הייליגע אותיות
קמץ אלף בית און גימל
די אותיות התורה וואס דער בורא
האט אראפ געשיקט פון הימל

# בר מצוה

און דער מלאך ווארפט איהם ראזינקאלאך
צו ווייזען איהם דער עיקר
אז לערענען תורה איז מתוק מדבש
נאך זיסער ווי צוקער

און דער טאטע ווערט מלא שמחה
גלייך ווי ער האט שוין מסיים געווען גאנץ ש״ס
אז דאס יונגאלע דערציילט די בשורה
ער האט שוין מסיים געווען דעם ראשית דעת

**פזמון**

יעצט איז ער פינף יאהר אלט
געווארען בן חמש למקרא
פראווערט מען א חומש סעודה
דאס יונגעלע לערענט שוין ויקרא

דער אויבערשטער האט צו משה גערופען
און איהם געלערענט די כוונות
ווי אזוי אין בית המקדש
מקריב זיין די קרבנות

און ויקרא שטייט מיט א קליינע אלף׳ל
ווייל דאס לערענען קליינע קינדער
און ביים אייבערשטן איז א יונגעלע׳ס לערענען
נאך טייערע ווי פעטע רינדער

מ׳קאן זיך דערקוויקן צו צוקוקן
ווי עס דאווענט אט דאס דער פארשון
פון די רייד פון זיין מויל ווייסען מיר וואויל
מאכט זיך קודשא בריך היא א קרון

**פזמון**

אויף א מאל דערציילט שוין דאס קינד
אז ער קאן שוין לערענען אלעס
ער פארשטייט די סברא פון די גמרא
שנים אוחזין בטלית

# בר מצוה

ער האט א ידיעה אין בבא מציעא
הווית דאביי ורבא
א שווערע רש״י א תוס׳ קשיא
פארנעמט ער שוין מיט זיין מחשבה

און אז עס קומט יום כיפור בעהט זיך דאס קינד
מזאל איהם לאזן פאסטן כאטש א צוויי דריי שעה
און על חטא קלאפט ער זיך אויף עבירות
וואס זענען ביי איהם גארנישט דא

אשר בחר בנו מכל העמים
ונתן לנו את תורתו
נאר א יודיש קינד וואקסט אזוי
ברוך אתה שלא עשנו גוי

**פזמון**

בינו לבינו קוקט מען זיך אים
נישט דא פארן קינד א סביבה
מדארף שוין נעמען דער גאנצע מענטש
אוועק שיקן ווייט אין ישיבה

דער מאמע קלערט דער אויבערשטער ווייסט
צו האט דאס קינד געגוג צו עסען
אפשר האט ער אין אזא ביטערע פראסט
דעם סוועדער אנצוטוהן פארגעסן

און דאס תכשיט׳ל ער שרייבט נישט קייןווארט
און דער מאמע גייט ארום אין טראכט
אפשר האט ער זיך חלילה פארקילט
נישט געוועהן גוט ציגעדעקט באנאכט

און אז ער קומט אויף פסח אהיים
איז ביי דער טאטע מאמע גאר א גליק
אבער כהרף עין לויפט עס פארביי

# בר מצוה

ער פארט שוין אין דער ישיבה צוריק

**פזמון**

יעצט ווערט ער דרייצן יאר אלט
טוט אן די תפילין אויפן האנט און קאפ
זאגט דער טאטע געלויבט ביסטו ג-ט
וואס דו נעמסט פון מיר דעם עול אראפ

ווי געשווינד נאר ווי א ווינט
לויפן די יארן דארך אין גיכען
ער ווערט שוין ב״ה א חתן בחור
א שידוך וועט מען דארפען זוכען

ביי אונזער בר מצוה וייסן מיר וואיהל
זענען די אלע זאכען געוועהן
א חוץ נאר דעם פדיון בכור
ווייל א פטר רחם איז ער נישט געוועהן

כשם שנכנס לברית שלש עשרה
ווינטשן אלע גוטע פריינט און קרובים
כן יכנס לתורה הקדושה
לחופה ולמעשים טובים

**פזמון**

# ברוך מנחם ציון



מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

נאך ביי דער ברית בין הבתרים
האט מען דעם אלטען טאטן מבשר געווען
ווייל ער האט מהרהר געווען כלפי מרום
מוזען די קינדער אין גלות אריינגיין

"ועבדום וענו אותם"
ליידען שווערע לאסט און פיין
אבער "לא מאסתים ולא געלתים לכלותם"
דערנאך וועלען זיי דערזעהן דאס שיין

"הרופא לכל תחלואוכי"
וועט אונז היילען און שטעלען צוריק געזונט
"ואת הגוי אשר יעבודו דן אנכי"
די הבטחה פאדערען מיר אצינד

דו האסט דאך געשווארען ביי דיין קרוין
די הבטחה צו זיין מקיים
ברוך אתה מנחם ציון
ובונה ירושלים

מיר פאדערען א ריינע דין תורה
מיט כביכול יתברך
כנסת ישראל מיטן בורא
על פי דין פון שלחן ערוך

# ברוך מנחם ציון

מיר פאדערען אפענע חסדים
וואס קומט אונז בין כך ובין כך
אם כבנים - אם כעבדים
אונז אויסלייזען ממה נפשך

שטייט דאך בני בכורי ישראל
און אב מחיוב בפדיון הבן
און אפילו אן עבד פארדינט אויך א גואל
און ער איז יוצא בעין ושן

איז ער דאך מחויב אין פדיון שבוים
מ'האט אונז אויסגעהאקט שיניים ועינים
דארפסט דו דאך זיין מנחם ציון
ובונה ירושלים

"הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל"
דער אויבערשטער היט אונז אן שום שכר
און אז עס ס'איז פאראן טוען טענת גנב
דארף ער צאהלען טאפעלט דערפאר

"כי גנב גנבתי מארץ עבריים"
אותי נהג חשך ולא אור
"וגם פה לא עשיתי מאומה
כי שמו אותי בכור"

וויפיל איז דען דער שיעור ליידען שאדען
פון רדיפות און גזירות השמד
דו האסט דאך נישט אפגעהיטען דיין פקדון
אין דער שליחות ביסט געווען שולח יד

דארפסט מיר באצאהלען כפל א גאנצע הון
נחמי נחמי בכפליים
ברוך אתה מנחם ציון
ובונה ירושלים

# ברוך מנחם ציון

ביים בארג סיני ביי לוחות ראשונות
כפה עליהם את ההר
האבען מיר א דין פון אן אונס
וואס לא יוכל לשלחה דערפאר

און אז שכינתא בגלותא
לייד דאך כביכול אויך
לייז אונז אויס מפום אריותא
ס'איז פאר דיין אייגענעם געברויך

צו די גאולה ווילען מיר זיין זוכה
ברענג אונז שוין משיח'ן וואס פריער
אונס שגירש מחזיר ואינו לוקה
דאס איז א טובה סיי פאר אונז סיי פאר דיר

דיין שכינה זאל צוריק אויף אונז רוהען
בחצרות פני אלקים חיים
ברוך אתה מנחם ציון
ובונה ירושלים

כי תראה שור או שה אחיך נדחים
זאל מען זיך נישט מאכען נישט וויסענדיג
און אויב זיי בלאנדזשען אין פרעמדע דרכים
דארף מען זיי נעמען אויף צוריק

אפילו "לא קרוב אחיך אליך"
אפילו ער האלט זיך פון דיר ווייט
איז "ואספתו אל תוך ביתך"
און היט עס ביז עס קומט דער צייט

ישראל איז דאך א שה פזורה
ס'שטייט דאך "לא תוכל להתעלם"
זיי שוין מבטל כתוב ואסתירה
און נעם די אבידה צו דיר אהיים

# ברוך מנחם ציון

ס'איז "עת האסף הצאן"
השבת אבידה זיי מקיים
ברוך אתה מנחם ציון
ובונה ירושלים

די אלע אבות און תולדות נזיקין
איבערגעבען אין די שונאים הענט
שטיפען, שטויסען, בייסען, און דריקען
און דאס בית המקדש אונז פארברענט

ס'איז געווען א מלאכת מחשבת
אויף די העכסטע מדריגה
ווייל דו האסט מוסר געווען א שלהבת
ווי ס'איז געווען ברי הזיקא

געבליבען זענען מיר עניים ודלים
פון דער ביטערע גזירה
פאדערען מיר אז "שלם ישלם
המבעיר את הבערה"

א בית של אש זאלסט דו אונז אויפבויען
כהרי אש שיש בו רוח חיים
ברוך אתה מנחם ציון
ובונה ירושלים




מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**פזמון:**

**הער צו ידידים מתנגדים און חסידים**
**נערים וזקנים יחד**
**מיינע השרות פון אידישע צרות**
**איך בין אין גלות אין חב"ד**

איך האב אויף זיי נישט קיין פאראיבל
אבער ווען איך קום אריין אין שטיבל
קומט מיר אויס דער גאנצער התנהגות עפעס ווי א סתירה

איך קאן גארנישט פארשטיין דעם טעם
פארוואס דתיהם שונות מכל עם
כאטש את דתי המלך הם עושים באהבה וביראה

**פזמון**

שבת יו"ט אין דער וואכן
געוואלד ווי בין איך דא פארקראכן
און ועל כולם טאר איך נישט קריטיקירן

פסח סוכות ימים נוראים
פאר מיר איז דאס פלאי פלאים
אים מזאגט מיר שוויג וויל דיין זיידי האט געהייסן אזוי זיך פירן

**פזמון**

לעתיד לבא אין גן עדן
וועל איך פרעגען ביים הייליגען זיידן
זיידע זאג מיר איז דאס טאקע געוועהן דיין דרך בקודש

# גלות אין חב"ד

ס'כאפט מיר ממש אן א ציטער
זיי זאגען אפילו נישט וואס שטייט אין סידור
נישט קיין ושמרו און נישט קיין וידבר און נישט קיין תקעו בחודש
**פזמון**

אין דיין שו"ע פאסקנסטו להלכה
אויף תפילין של ראש דארף מען מאכן א ברכה
דארפסטו אבער זעהן ווי דיינע חסידים לייגן תפילין

זאגען זיי אן אז לפי חב"ד
מאכט מען א ברבה נאר אויפן של יד
זעסט דאך אליין אז זיי טוהן אינגאנצען ווי זיי ווילן
**פזמון**

זיידע צו האסטו געזאגט אין דיינע שיחות
אז מען דארף נישט זאגן קיין סליחות
אין עשרת ימי תשובה און דאס האט שוין גורם געוועהן ממילא

וואס וועל איך זיך מיט זיי קריגען
ס'פאסט זיך גארנישט צו דער ניגון
פון ראש השנה'דיגען קדיש אז מען זאגט נישט קיין לעילא ולעילא
**פזמון**

ס'איז דאך נישט מעגליך דאס איבער צו טראגען
וואס מען דארף אזוי פיל תהילים זאגען
דער יום דאס קאפיטיל וויפיל מ'איז אלט און שבת מברכים אינגאנצען

געוואלד יודען האטס רחמנות
זייט משנה די תקנות
כזאל נישט דארפן זאגען אשרי תמימי דרך ווען כאלט זיין הונדעדט און ניינצן
**פזמון**

מי שמע כזאת אז אין א יום הילולא
זאגט מען תחנון אין די תפילה
כשריי חי וקים הערט מען מיר ווי אויף פינף פטאקעס

ביי זיי איז גאר די תחנון א תדיר
מ'זאגט איהם אפילו ז' אדר

# גלות אין חב"ד

געוואלד זענען דאך רח"ל נאך ערגער ווי די ליטוואקעס

**פזמון**

און א קיטל ביים סדר דאס ווייס איך
אבער וואס איז געווארן מיט'ן חסל סידור פסח
אפשר איז ער אוועק געלאפן צוזאמען מיט'ן ותערב

אדער אפשר האט ער גאר בדעה
מיט'ן חד גדיא און אחד מי יודע
צו גיין אויפזיכן דעם אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב

**פזמון**

פארוואס האבן עפעס די מענטשען
פארטריבן דעם יהי רצון פון ראש חודש בענטשען
און איך מיז דאס אלץ צוקוקען מקבל זיין בעל כרחה

ווי קומט יו"ט שיר המעלות
ווי זאגט מען לכה דודי אן א טלית
און וואס פאר א מחותן איז חצי קדיש צווישען כגוונא און ברכו

**פזמון**

פארלאזט אזאליכע טייערע אוצרות
נישט קיין פייט און נישט קיין יוצרות
פארוואס זונגט מען נישט דעם קה קלי אתיצבה לקראתך

איך וואלט געוועהן אזוי צופרידען
אדרבה זאגט מיר יודן
וואס פאר א ניגען זינגט מען אויף ויאתיו קול לעבדך

**פזמון**

פרייטאג ביינאכט זינגט מען ביי חסידים
מנוחה ושמחה אור ליהודים
כל מקדש און קה רבון און מ'זינגט מה ידידות

אבער ביי זיי מען הערט נישט קיין קול
ס'שטיל ווי ביי אוהב עמו ישראל
זאגט מיר איך בעהט אייך וואס איז דאס עפעס פאר א מין חסידות

**פזמון**

# גלות אין חב"ד

ווי איז פארהאן אזא גזירה הרחקה
נישט אויף הענגען קיין נוי סוכה
און אז איך קוק מיך צו אויפ'ן אתרוג ווייס איך גארנישט וואס איז מיט איהם

געוואלד געשריגן זיסע טאטע
ווי קאן מען איהם האלטן מיט די פיטם למטה
ווען אויפ'ן אתרוג איז נישט פארהאן א זכר פון א פיטם

**פזמון**

איך קאן מיט זיי נישט האלטן קיין מלחמה
אבער איך וועל נאך נעמען א נקמה
כל תלמוד חכם שאינו נוקם ונוטר אינו תלמיד חכם

ס'וועט זיין א נקימה און א נטירה
פאר דעם לשם יחוד פאר די ספירה
פאר אלע שנויים וואס איך לייד מיר אהן פון זייערע דרכים

**פזמון**

בקרוב ממש גאר אין גיכן
וועט מען מקבל פנים זיין משיח'ן
און פרייטאג צונאכט'ס אויפ'ן הר הבית וועלן צאמקומען אלע

אלע צדיקים און אלע קדושים
און משה רבינו וועט זיין בראשם
און ר' שלמה אלקבץ וועט זינגען לכה דודי לקראת כלה

**פזמון**

אזוי ווי א מחוצף בין איך תמיד
וועל איך מיך צוכאפן באלד צום עמוד
און צוזאמען מיטן הייליגע חזן דאווענען מיט התלהבות

און אויפן הויכע קול וועל איך געבען א קוויטש
לפני כל חסידי ליבאוויטש
פון דעם אלטן רבינ'ס סידור ושמרו בני ישראל את השבת

**פזמון**




מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**הללויה עבדי ה׳**

הללוי-ה איר אויבערשטענ׳ס קנעכט
לויבט זיין ליבען נאמען אלע טעג און אלע נעכט
אלע אומות עולם זאלט איר ווערען גלייביג
און לויבט זיין ליבען נאמען פון איצט אהן און ביז אייביג

פון אינדערפרי ווען דער זון שיינט די ערשטע שטראלען
ביז זי פארגייט אין מעריב און דער נאכט הויבט אהן צו פאלען
ווייל דער אויבערשטער איז דאך איבער אלע פעלקער גרויס
פון דעם הויכען הימל שיינט זיין כבוד ארויס

ווער איז נאך ווי אונזער ג-ט וואס וואוינט אזוי הויך
וואס אויפ׳ן הימל קוקט אראפ און אויף דער ערד אויך
ער דערהייבט דעם ארימאן וואס וואלגערט זיך אין שטויבען
און פון אלע בייזע מיסטען טוט ער איהם דערהויבען

די געפאלינע און די שפלים איז ער מגביה עדי מרום
צו זיצען מיט די שענסטע לייט און מיט די גרעסטע שרים
אזוי וועט ער אונז אויך דערהויבען מיט זיינע גרויסע ווינדער
און ציון די עקרה וועט זיך פרייען מיט איהרע קינדער

**בצאת ישראל**

ווען די אידן זענען פון מצרים ארויס געגאנגען
יעקב׳ס קינדער פון א פרעמד פאלק וואס האט זיי געפאנגען
נחשון פון יהודה האט געהייליגט ג-ט׳ס נאמען
און די ממשלה פאר זיין שבט האט ער דערמיט באקומען

דער ים און דער ירדן זענען אנטלאפן געווארן

# הלל

ווען זיי האבן דערזעהן די אידן גיין מיט יוסף׳ס ארון
ביי מתן תורה האבן די בערג געטאנצט און געזינגען
און די הויכע שפיצען זענען ווי די שעפעלאך געשפרינגען
שטארקער ים וואס איז מיט דיר וואס דו ביסט אנטלאפן
ירדן וואס ביסט צוריק געגאנגען וואס האט דיר געטראפן
הויכע בערג וואס איז מיט אייך וואס איר זענט געשפרינגען
און די הויכע שפיצן וואס איר טאנצט ווי די שעפעלאך די יונגע

פאר׳ן גרויסען האר פון הימל ציטערן מיר מיט מורא
פאר יעקב׳ס ג-ט ווייל דאס איז דער אלמעכטיגער בורא
א שטארקן שטיין האט ער באדרייט  צו זיין א פעלד א נאסער
פון א שטארקן פעלזן האט ער געמאכט א קוואל פון וואסער

**<u>לא לנו</u>**
נישט פאר אונז ג-ט האט געזאגט דער מלך דוד
נישט פאר אונז נאר צו דיין נאמען זאלסטו געבען כבוד
פארוואס זאל דיין פאלק זיין צו שאנד און צו שפאט
פארוואס זאלן די פעלקער זאגן ווי איז זייער ג-ט

אבער אונזער ג-ט אין הימל איז די גאנצע וועלט פיהל
א תקיף און בעל כח צו טוהן אלץ וואס ער וויל
להבדיל זייערע געטשקעס מאכן זיי מיט זייערע הענט
שטום ווי שטיין און בלינד ווי נאכט און טויב ווי די ווענט

נישט די הענט רירן זיך און נישט די פיס גייען
הלואי אז די וואס מאכן זיי זאלען אזוי אויסזעהן
אבער מיר אידן וועלען האבען איבער זיי ניצחון
ווייל אין דעם לעבעדיגן ג-ט האבן מיר בטחון

איר כהנים וואס זיינט מקריב די הייליגע קרבנות
נאר צו זיכער זיין מיט ג-ט זאל זיין אייערע כוונות
און אלע וואס האבן פאר איהם מורא וועט דאס זיי ניצן
ווייל ער וועט זיי אומער העלפען און פון שלעכטס באשיצן

# הלל

**<u>ה' זכרנו</u>**

דער אויבערשטער זאל בענטשן זיינע צאן קדשים
סיי די מענער און בית יעקב אלו הנשים
ער זאל בענטשן די בני אהרן דאס זענען די כהנים
און אלע וואס האבן פאר איהם מורא הגדולים עם הקטנים

דער אויבערשטער זאל אויף זיי ברכות נאך צוגעבן
אויף זיי און זייערע קינדער צו געזונד און צו לעבן
געבענטשט זאלט איר אלע זיין לאלוקים חיים
וואס אין זעקס טעג האט באשאפן ארץ ושמים

דעם הימל האט דער אויבערשטער גענומען פאר זיין חלק
און די ערד געגעבן צו דער מענטש ער זאל דאס מאכן הייליג
נישט די וואס לעבן שוין מער נישט קאנ'ען איהם לויבן
נישט די וואס זענען שטום אויף אייביג קענען איהם דערהויבען

אבער מיר די לעבעדיגע קענען זאגן שבחים
להודות ולהלל למלך מלכי המלכים
ולא ידום ד' אלוקי לעולם אודך
פון איצט אהן און ביז אייביג הללוי-ה

**<u>אהבתי</u>**

איך האב ליב ווען דער אויבערשטער דערהערט מיין געבעהט
ווען צו מיין תפילה האט ער זיין אויער צוגעלייגט
ווען דער ליידן פון דעם טויט האבן מיך ארומגענומען
און דאס ענגשאפט פון גיהנם איז אויף מיר געקומען

די צרות און דער ליידן האבן מיך אהנגעגריפען
און אין דעם אויבערשטענ'ס נאמען האב איך אויסגערופען
רבונו של עולם ראטעווע מיך פון די סכנות
און ג-ט וואס איז דערבארימדיג האט געהאט רחמנות

אויבערשטער היט מיך ווייל מיין שכל איז צו קליין
איך בין צו ארעם איך זאל זיך קענן העלפן אליין
אבער יעצט קאן איך רוהיג זיין ווייל ג-ט האט מיך גערן

# הלל

צו מיר נישט צוגעלאזט דעם טויט צו מיינע אויגן טרערען

איך וועל גיין אין זיינע וועגן אין ארץ ישראל
און איך ווייס אז וואס איך בעהט הערט ער אלעמאהל
אפילו ווען די שונאים מיינע טוהן מיך נאך יאגן
ווער עס לייקענט אין זיין הילף דער טוט שקר זאגן

**<u>מה אשיב</u>**
וואס קען איך דען באשעפער אומקערן צו דיר
אלע דיינע גרויסע חסדים זענען דאך אויף מיר
דעם כוס פון הילף וועל איך אין דיין נאמען דערהייבען
און פאר אלע אין די אויגן מיינע נדרים דיר אפגעבען

א צדיק׳ס טויט איז ביי דיר שווער דערפאר טוה איך דיר בעטען
איך בין דיין קנעכט פון דיין דינסט עפען מיינע קייטען
קרבנות וועל איך פאר דיר שחט׳ן און אפגעבן א דאנק
און פאר אלע אין די אויגען באצאלן מיין געשאנק

און דעם כתר׳ליכען הויף בירושלים הבנוי׳
וועל איך פאר דיר אומער זינגען הללוי-ה
לויבט זיין ליבן נאמען אלע פעלקער פון די וועלט
ווייל מיט אלע זיינע גרויסע חסדים האט ער אייך נישט פארפעלט

דעם אויבערשטען דארף מען לויבן ווייל ער איז א טוב
ווייל זיינע חסדים זענען אהן א קצבה אהן א סוף
די וואס האבן פאר איהם מורא און אלע כהנים
ווייל זיין גיטסקייט אויף דער וועלט איז אויף אלע זמנים

**<u>מן המצר</u>**
ווען פון ענגשאפט האב איך צום אויבערשטן געבעטן
האט מיך קודשא בריך הוא געענטפערט מיט פארברייטן
ווען ער העלפט מיר האב איך איבער מיינע פיינט נצחון
איז בעסער אין איהם ווי איידער אין א מענטש האבן בטחון
די שונאים האבן מיך ארומגערינגעלט און ווי די בינען מיך געשטאכן

# הלל

און מיט'ן שם המפורש האב איך זיי צובראכן
ווען זיי האבן מיך דערשטויסען האט מיך ג-ט אויפגעשטעלט
דערפאר איז א געזאנג פון הילף ביים צדיק אין געצעלט

דעם אייבערשטענ'ס רעכטע האנט איז הויך זיין רעכטע האנט האט מאכט
און אין מלחמות האט ער מיינע שונאים אומגעבראכט
זיינע וואונדער צו דערציילען קאן איך נישט שטארבן נאר מוז לעבן
ווייל ער האט מיר געשטראפט אבער צום טויט נישט איבערגעגעבן

איך לויב דיך ג-ט וואס האסט דערהויבן א פארלאזענעם שטיין
און אז ער איז געווארן מלך איז דאס נאר פון ג-ט אליין
דערפאר פריי איך מיך אין דעם טאג און איך האב א נחת רוח
און איך בעהט דיר ג-ט מיר ווייטער העלפן איך זאל זיין מצליח

**<u>ברוך הבא</u>**
געבענטשט זאלט איר אלע זיין אין אויבערשטענ'ס נאמען
וואס עולה רגל קיין ירושלים זענט איר געקומען
אז ג-ט וועט אונז באלייכטן וועלן מיר זיך זיין משמח
און בינדן די קרבנות ביי דעם ווינקל פון מזבח

דו ביסט דאך מיין שטארקער ג-ט דערפאר וועל איך דיר לויבן
און מיט זמירות און תשבחות וועל איך דיך דערהויבען
דעם אתרוג און דעם לולב וועל איך שאקלן אויף אלע זייטן
ווייל ג-ט איז גוט און זיינע חסדים זענען אויף אלע צייטן

מיר לויבן דיך קודשא בריך הוא אין טלית און אין תפילין
אלע חסידים און צדיקים וואס טוהן נאר דיין ווילן
בשיר וקול תודה טוען מיר דיך באשוינען
און מיט קדושה טוהן מיר דיין נאמען באקרוינען

דיינע שבחים וועלן איבער די גאנצע וועלט קלינגן
ווייל צו דיר איז גיט צו לויבען און צו דיין נאמען צו זינגן
ווייל אין אלע וועלטן ביסטו אליין די מקור הברכות
ברוך אתה אונזער מלך מהולל בתשבחות

# חסידות פון חב"ד



מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**פזמון:**

**און דווקא בשביל זה**
**שם בכתב און שם בעל פה**
**נגלה ונסתר קבלה ומסורה**
**בשני אורות דעם שיין**
**דער אמת מברר זיין**
**ווי צו דבוק זיין אין דעם בורא**
**צו מגלה זיין דעם סוד**
**פון ה' אחד**
**דאס איז דער תכלית פון בראשית ברא**
**ולשכון עדי עד**
**אין חסידות פון חב"ד**
**לאורו של ישראל בן שרה**

נאך פאר בריאת עולם עלה במחשבה
דער תורה אראפ צוגעבן אויף דער וועלט
אין וועלכע דער מעשה מרכבה
איז דער תורה און מצוות פארשטעלט
אפגעווארט זעקס און צוואנציג דורות
און געגעבן צו משה בן עמרם
בששה בסיון נתנו המאורות
ביום הזה נהייתה לעם

**פזמון**

עלית למרום שבית שבי
די אותיות שבי איז א מרמז על שמו

# חסידות פון חב"ד

פאר בני ישראל אראפ געבראכט א רבי
שבי מאכט שמעון בן יוחאי
און שבי איז יצחק בן שלמה
האריז"ל יהי' מוראכם
און שבי איז זיין ממלא מקומו
ישראל בן שרה בעל שם

**פזמון**

זיך אפגעזעהן מיט אידישע צרות
דער ביטערע גלות עס נעמט נישט קיין סוף
און נאך העכער ווי די מלאכי השרת
און דער הויכן היכל משיח איז זיין נשמה ארויף
געבעהטן משכינו אחריך נרוצה
ויפוצו מעינותיך חוצה
ביסט דאך אראפגעשיקט געווארן דערפאר

**פזמון**

צוזאמען גענומען א הייליגע חבריא
און אויף זיי ארויפגעווארפן דעם עול
פארשפרייטן די שיטה די נייע
פון אהבת ה' און אהבת ישראל
מ'דארף זיך מוסר נפש זיין פאר א אידן
און תמיד זיין בשמחה מיט דעם
ווייל א איד דארף זיין צופרידן
צו זיין אן עבד לעבדי ה'

**פזמון**

דערנאך איז אריבער די הנהגה
צום הייליגן מגיד צום רבי ר' בער
ס'האט זיך פארשפרייט דעם בעל שם טוב'ס השגה
צוגעקומען תלמידים וואס מער
און תורה מחזרת אחרי אכסניא
על פי סוד און על פי פשט
און דאס געפינען ביים בעל התניא
דער יוצר פון חסידות חב"ד

**פזמון**

אין די פארווארפינע שטעטלאך און כפרים

# חסידות פון חב"ד

האט דער אלטע רבי די תלמידים צושיקט
קובע זיין בתי מדרש און חדרים
דער המון עם איז געווארן באגליקט
אבער דער בעל דבר האט דאס נישט געקאנט פארליידן
בלבולים און מסירות אנגעשטעלט
דעם דרך אמת האט ער געוואלט פארשניידן
חסידות עוקר זיין פון דער וועלט

**פזמון**

זיצנדיג אין פעטערבורג אין תפיסה
האט דער אלטע רבי אפגעווארפן יעדן חשד
ווען נישט קיין מורא דדינא דמלכותא
איך זיך נאר מלכות שמים לבד
און י"ט כסלו ישמחו ידידים
ביום גאולת אדוניהם
ונהפוך הוא אשר ישלטו החסידים
המה במתנגדיהם

**פזמון**

כשעלה רבינו למרומים
איז אנגעפאלן א פונסטערניש ביז גאר
כרגע איז מען געבליבן נשתומם
ווער וועט אנפירן מיט'ן היינטיגן דור
אבער דאן איז אריבער דער נשיאות
צום רבין שליט"א עד ביאת גואל
ברוך מנחם על הבריות
און ליובאוויטש גייט מחיל אל חיל




מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**פזמון:**

**אוי שבת**
**מזמור שיר ליום השבת**
**שבת איז דאן הייליג - וואויל איז אונזער חלק**
**מזמור שיר ליום השבת**

אז דוד המלך איז געווארען פרייליך
ווען ס'איז געקומען דעם הייליגען שבת
האט ער אנגעפאנגען - מיט טייערע געזאנגען
מזמור שיר ליום השבת

ס'איז זייער גוט דעם אייבערשטען צו לויבען
און צו זינגען צו דעם פון אויבען
יעדען אינדערפרי זאגען מודה אני
און יעדע נאכט די נשמה איהם צו גלויבען

**פזמון**

איך וועל זינגען מיט כוונות
אויף א כלי זמר פון צען סטראַניס
און מיט א פידעלע באגלייטען
אלע מיינע הגיונות - און טיפסטע רעיונות
מיט א כינור וועל איך פארשפרייטען

ווייל דו ג־ט טוסט מיך דערפרייען
ווען איך טו דיינע גרויסע וואונדער זייען
און די ארבעט פון דיין האנט

# מזמור שיר ליום השבת

וועל איך מאכען באקאנט
ובמעשי ידיך ארנן

**פזמון**

ווי גרויס זענען דיינע ווינדער
יעדעס איינס באזינדער
מלך גבור לבנים ולאבות

מ'האט נישט קיין באגריף
ווי טייער און ווי טיף
זענען דיינע הייליגע מחשבות

דאס קען דאך נישט וויסען דער נער
אין דעם האט קיין השגה דער איש בער
ווייל זיין שכל איז צו קליין
דאס קען ער נישט פארשטיין
ווייל ער ווייסט נישט דעם טעם פינם הייליגין שבת

**פזמון**

אז דער נער טוט צוקוקען
ווי די רשעים באגליקען
און זיי וואקסען ווי די ווילדע גראזין

און די עוברי עבירות
בליען ווי די פירות
ס'איז ביי זיי לשובע ולא לרזון

איז דער נער אבער נישט גלייביג
אז דו ג-ט וועסט זיי פארניכטען אויף אייביג
עס פארנעמט איהם נישט די מוח
אז נאר דו ג-ט ביסט הויך
און דו ווארטס אויפ'ן טאג וואס וועט זיין כולו שבת

**פזמון**

ווייל אלע דיינע פיינט זיי לאכען נאר בלויז היינט
אבער לעתיד וועלין זיי גיין פארלארן
און דו וואס טיען זינד וועלין גאר געשווינד

# מזמור שיר ליום השבת

פיל'ן דעם טעם פון דיין צארן

אבער דער וואס טוט אין דיר גלויבען
ווי די הערנער פון א באראן ווערסט דו זיי הויבען
ביסט זיי דיינע חסדים גומל מיטי'ן זיסין בוימעל
פון דעם שמן הטוב וואס מאי'ז מדליק די נרות שבת

**פזמון**

מיינע אויגען טוהען קיקען און איך טו מיך דערקוויקען
אז איך גיי אויף גלייכע דרכים גלייכע וועגען
און מיינע אוירען טוהען הערען און איך טו מיך אריין קלערען
ווען די שונאים טוהען מיך אויפרעגען

אבער דער וואס טוט אין דיינע מצות באמיען
ווי א שיינער טייטעל בוים וועט ער בליען
ער וועט וואקסען א געוואלד ווי א טאנענבוים אין וואלד
ווייל ער איז דאך אליין בבחינת שבת

**פזמון**

איינגעווארצעלט מיט די שרשים אין בית קדשי הקדשים
כעץ שתול על פלגי מים
וועט ער וואקסען נאר ארויף אין דעם קייזערליכען הויף
אין הר הקודש אין ירושלים

ער וועט קיינמאל נישט גיין פארלארען
אפילו אויף די עלטערע יאהרען
נאר דשנים ורעננים וועט ער עסען די מעדנים
פינ'ם לחם הפנים פון דעם הייליגען שבת

**פזמון**

להגיד צו דערציילען איך וועל קיין ווארט נישט פארפעלען
ווייל אויף דעם איז יעצט א שעת הכושר
אז נאר דער אויבעשטער אליין איז פון אלע פיילערס ריין
א מלך גבור און א מלך יושר

און דאס איז די שבת'דיגע שירה
פון די לוים אין דער הייליגער דירה

# מזמור שיר ליום השבת

וואס האבען געזינגען בהתלהבות
מזמור שיר ליום השבת
מזמור שיר ליום וואס וועט זיין כולו שבת

**פזמון**

# נחמו נחמו עמי



מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

פון חוץ לארץ, האב איך עולה געווען, זיין אין ארץ ישראל
לארכה ולרחבה, בין איך געגאנגען, יעדען בארג און יעדען טאל
ווי איך בין געווען, האב איך געהערט, א בת קול האט געקלינגען
די ביימער און די שטיינער, דאס וואסער און די ערד, טוהן אלע זינגען
און אין דער תשעה באב וואך, זאגט דאס דאך, דער בעל הפטרה
ס'וועט זיין ותערב, גאר בקרוב, די שכינה וועט זיין שורה
ונעבדך ביראה, בירושלים הבירה, ישראל אשריכם
**נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**

אין בני ברק, איז דאך גאר געשמאק, באמת א גרויס חשיבות
בתי מדרשים, קדשי קדשים, שטיבלאך און ישיבות
אלטע און יונגע, דינען דעם בורא, ויחזו בך זקנה ובחרות
איז דאך ידוע, אז כבר הגיע, זמן קריאת שמע של שחרית
אין די ליטווישע ישיבות, טראגט מען גארטליך, און מ'לערנט חידושי הרי"ם
און אין גור און וויזניץ, הערט מען זאגען, ר' חיים'ס אימעטום
זעהט מען דאך, אז ס'ווערט מקיום, ונתתי שלום בעריכם
**איז נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**

אין ירושלים, אויפ'ן הר ציון, אז מ'זעהט דעם הר הבית
פארקלעמט דאס הארץ, און רח"ל, ס'קען אויסגיין דאס חיות
מיט א מאהל, דערהערט מען א קול, פון קברו של דוד המלך
קינדערלאך לחיים, איך בין חי וקים, איהר מעגט שוין ווערען פריילאך
דער ביהמ"ק של שלמה, שטייט במקומה, ואם הבנים שמחה
אז ס'איז נישט חרוב, וועט איהר זעהן בקרוב, און מער נישט זאגען איכה
וראו כל העמים, כי שם ה', נקרא עליכם
**נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**

# נחמו נחמו עמי

ווי מ'גייט, און ווי מ'דרייט, זעהט מען א נייעם כביש
מי שיש לו עינים בראש, קען דאך זעהן בחוש
די אלע וועגין בויעט מען, דאך נאר מיט כוונה
ס'זאל זיין גרינגער עולה רגל צו זיין, שלש פעמים בשנה
מ'וועט לויפען זעהן, ווי די כהנים גיין, אין בגדי ארגמן ותכלת
ס'וועלין ווערען אויפגעפרישט, און ס'וועט מער נישט, זיין דרכי ציון אבילות
בשמחה ברינה, מקבל זיין די שכינה, ביום שמחתכם ומועדיכם
**נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**

יעצט קום איך פון די גאס, פון עיה"ק צפת, די שטאט פון די מקובלים
ווי יעדער גייט, און מ'בעהט, ביי די קדושים עליהם השלום
און אז מ'וויינט זיך אויס דאס הארץ, ביי די הייליגע קברים
זענען די צדיקים, מכניסי רחמים, און ברענגען די תפילות למרום
און דער הייליגער זוהר, איז פעסט ווי א מויער, און איז עומד בתפילה
און מימין ומשמאל, גייט ארויף דאס קול, פון ב"ש און ב"ה
איהר הייליגע צדיקים קענט דאך פויל'ן, נאך מער ווי בחייכם
**ס'זאל זיין נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**

די גמרא הקדושה, דערציילט אז דער גלות, איז דערפאר געקומען
ווייל די יודען, האבען תרומות ומעשרות, נישט אראפגענומען
אין די כרמים האב איך געזען, גאנצע בערג מיט פירות
וואס יודען שיידען אפ און ווארפען אוועק, מקיים זיין דעם אויבערשטענ'ס גזירות
והשב כהנים ולויים אז זיי זאלען, גובה זיין זייערע שעבוד
רבש"ע, דאס איז דאך בל תשחית, אמאי זאל דאס גיין לאיבוד
כביכול ולא תשא עליו חטא, בהרימכם את מעשרותיכם
**ווען ס'וועט זיין נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**

אין די פעלדער זעהט מען פאשען, גאנצע גרויסע עדרים
דאס גרייט מען צו, פאר אז יעלו, על מזבחך פרים
צאן לדיר, איז דא אהן א שיעור, אויך תורים ובני יונים
פאר נדרים און נדבות, כנדבת הלבבות, און מכפר זיין עונות
און קדשים גאר, איז מען זייער קלאר, אין הלכות טהרה וטומאה
און מ'ווייסט די תורה'ס, פון מקטיר זיין קטורת, ס'פעלט בלויז די פרה אדומה
ברענג אינז שוין דערצו, צו משכו וקחו, צאן למשפחותיכם
**נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**




מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

גאר א מאדנע סברא
איז פארהאן אין די גמרא
וואס אונזער חכמים לאזען אונז דערהערען

אז אי״ה גאר אין גיך
אז ס׳וועט אנקומען משיח
וועלין אלע ימים טובים בטל ווערען

אלע וועלען זיך פארקלייבין
נאר איין יום טוב וועט פארבלייבין
דער פרייליכסטער דער ליסטיגער
דער שענסטער און דער בעסטער

לקיים ככתבם וכזמנם
וזכרם לא יסוף מזרעם
אזוי האבען גוזר געווען מרדכי ואסתר
**און דאס איז דער חג הפורים - חג המשתה - חג שיכורים**
**זיך לאזען וואיל גיין - ווי דער גבירים - עד בלי די**
**וויין און ברונפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען - ביז ברוך מרדכי**
ביידער טעג ראש השנה
וואס מען דאווענט מיט כוונה
וועלען אויך לעתיד לבוא אינגאנצען בטל ווערען

דער אויבעשטער וועט אלץ פארעכטען
ווען ער וועט דעם שטן שחט׳ן
מוועט נישט דארפען בלאזען שופר דעם שטן צו צושטערען

# פורים

עס וועט זיין א נייע סארט תקיעה
אהן יבבות שברים תרועה
און אלע אידען וועלען קומען פון אשור און מצרים
אנשטאטץ דערמאנען די עקידה
ווען אברהם און יצחק ביידער
פירען אלע אידען - צום הר הקדש בירושלים

**אבער עס וועט אלץ זיין פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**
**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**ווייו און בראנפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

אין יום כיפור אנשטאץ א תענית
וועט מען עסען פון קרבנות
מ׳וועט נישט דארפען פאסטען מער אפשרייען די גזירות

מ׳וועט נישט מרבה זיין בתפילה
בעטען סליחה ומחילה
ווייל עס וועט נאר זיין בלויז מצות
און מער נישט קיין עבירות

אנשטאץ צו דארפען זאגען ווידו
וועט מען טאנצען א רקידה
און ביני לביני וועט מען נעמען פינ׳ם ביטערן טראפין

עס וועט זיין מה טוב ומה נעים
אז ס׳וועט נישט זיין מער קיין חטאים
און ס׳וועט גארנישט זיין אויף וואס
על חטא זיך צו קלאפען

**אבער עס וועט אלץ זיין פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**
**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**ווייו און בראנפען זאלען זיך גיסען**

# פורים

**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

מ׳וועט קיין סוכות מער נישט מאכען
פון האלץ און פארשידענע סכך׳ין
ווייל ארום און ארום וועלין זיין
די ענני הכבוד

אויפען הארצין וועט זיין פרייליך
ציזאמען מיט דוד המלך
אז דער אויבעשטער וועט אויף ניי
אויפשטעלען סוכת דוד

ס׳וועט זיין ושאבתם מים בששון
אין סוכת עורו של לויתן
און פון אתרוגים וועט מען מאכען גאר א פיינע ווארעניע

דער חטא עץ הדעת וועט זיין מתוקן
ס׳וועט מער נישט דארפען זיין קיין תיקון
בעת ההוא יבוקש עון עקב ואיננו

**אבער עס וועט אלץ זיין פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**
**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**וויין און בראנפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

ס׳וועט זיין נסים פלאי פלאים
נאך גרעסער ווי ביי די חשמונאים
און ס׳וועט מקיום ווערען ליהודים היתה אורה

אנשטאץ אין יעדען איינעם׳ס בית
זאל ברענען אביסל שמן זית
וועט אין בית המקדש לייכטען די גאלדענע מנורה

# פורים

די נשיאים וועלען מקריב זיין קרבנות
און זיי וועלען ברענגען זייערע מתנות
שמן למאור ולקטורת הסמים אף כל מראה וריח

מ'וועט אליין זיין עדי ראיה
וועט מען נישט דארפען הערען די קריאה
ווייל מיר וועלין אליין זיין ביי חנוכת המזבח

**אבער עס וועט אלץ זיין פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**
**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**ווין און בראנפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

אז ס 'וועט מקוים ווערען דער חלום
וועט מען נישט דארפען קיין פרשת שקלים
מ'וועט נישט דארפען ברענגען קיין שקלים צו האבען א כפרה

דער מלאך המות וועט זיין למשיסה
עס וועט נישט זיין מער קיין מיתה
מ'וועט נישט דארפען האבען מער די דינים פון פרה

עס וועט דען זיין א גרויסע שמחה
דער זכר עמלק וועט ווערען נמחה
עס וועט נישט זיין קיין פרשת זכור און נישט קיין פרשת החודש

מיר וועלען צוריק זיין ממלכת כהנים
און זיין למעלה מן הזמנים
י"ד אדר וועט דעמאלץ זיין
דער ראשון למקראי קודש

**ווייל טאקע דעמאלץ וועט בלייבן פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**

# פורים

**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**ווייַן און בראנפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

עס וועט זיין א אמת'ע נחמה
צו זעהן אין די שונאים א נקמה
ווי דער אויבעשטער וועט זיי רודף זיין באף ובחמה

פסח וועט מען בילקעס עסען
יציאת מצרים וועט מען פארגעסען
מ'וועט נאר האלטען און דערציילען פון די גאולה שלימה

טרינקען וועט מען צוואנציג כוסות
נישט דארפען עסען קיין חרוסת
מ'וועט נישט דארפען דערמאנען מער די צרות פון אמאהל

עס וועט זיין א נחת און רווחה
אז אנשטאץ השתה הכא
וועט מען זאגען השתה בארעא דישראל

**אבער עס וועט אלץ זיין פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**
**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**ווייַן און בראנפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

ווען די אידין האבען מקבל געווען די תורה
איז עס געווען באימה ובמורה
צוליב כפיית הר איז געווען מודעה רבה לאורייתא

נאר די תורה שבכתובה
האט מען מקבל געווען בחיבה
אבער מ'האט נישט געוואלט אנ'נעמין די משנה ובריתא

# פורים

אבער דער אמת'ער יום הקבלה
איז געווען דא – המן'ס מפלה
עליונים ששו ותחתונים עזו בקבלת יום זה

קימו וקבלו היהודים
סיי מתנגדים סיי חסידים
באהבה וברצון בשמחה ובששון תורה שבעל פה

**איז אנשטאץ שבועות וועט זיין פורים**
**חג המשתה חג שיכורים**
**זיך לאזען וואהיל גיין - ווי די גבירים**
**עד בלי די**
**ויין און בראנפען זאלען זיך גיסען**
**יעדער איינער זאל געניסען**
**פון ארור המן נישט צו וויסען ביז ברוך מרדכי**

# שבע ברכות



מחבר: הרב אברהם יהושע העשיל טווערסקי

**<u>א</u>**

אז איך בין אהער געקומען
האב איך גראמען מיט גענומען
אויף א חתונה איז דאס זייער א וויכטיגע זאך

אז איך בין נישט געוועהן קיין שדכן
וועל איך כאטש זיין א בדחן
כאטש איך האלט נאך ווייט פון קענען גוט דאס פאך

וועל איך אייך בעטען נישט געוואלטען
זיך זייער שטיל צו האלטען
כדי איר זאלט קענען הערען
און וויסען וואס איך מיין

וועל איך איבערזעצען אויף דייטש
שבע־ברכות אויף עברי-טייטש
און אויך די ברכות אירוסין
יעדער איינער זאל פארשטיין

און אזוי הייב איך אן מיין פלאן
די ברכות צו מפרש זיין
און צו לויבען גאר אפען
דעם בורא פרי הגפן
וואס ער האט באשאפען דאס וויין

# שבע ברכות

**ב**

געלויבט איז אונזער בורא
הקל הגדול הנורא
וואס איז קיסר איבער דער גאנצער וועלט

אונז געהייליגט מיט זיינע געבאטען
ארוסות אונז פארבאטען
דער קנין ווערט נישט מיט בלויז געלט

הנשואות האט ער מתיר געווען
אונטער די חופה מיז מען שטעהן
אזוי ווי ביי בארג סיני
ווען מתן תורה איז געשעהן

און טאקע צוליב דערפאר
כפה עליהם הר
זאל זיין נישואין גמורים
מען קען זיך מער נישט אויסדרעהן

לויבען מיר דעם קדיש קדישין
פאר זיינע ברכות דנפישין
און מיר לויבען אלעמאל
מקדש עמו ישראל
ע״י חופה וקידושין

**ג**

מ'איז יעצט מייחד עדים
נאמנים און חרדים
קיין שאלה זאל נישט ווערען חלילה

דאס מאכט מען אלץ א תיקון
טאמער קרובים קוקען
ווייל עדות שבטלה מקצתה בטלה כולה

מיט גרויס ישוב הדעת

# שבע ברכות

נעמט דער חתן דאס טבעת
זיך קונה זיין א קנין
פאר יאהרען אהן א צאל

מיט דעם ביסטו מיר הייליג
אזוי ווערסט דו מיין חלק
הרי את מקודשת
כדת משה וישראל

**ז**
דער כתובה ליינט מען אים יעצט פאר
זיינע חיובים ווערט ער געוואהר
והכל שריר וקיים
לברכה ולחיים
ביז הונדערט און צוואנציג יאהר

אז מ'קוקט זיך אום אויף דער וועלט
וואס דער באשעפער האט אויפגעשטעלט
אזוי פיהל באשעפענישען - גרויס און קליין

דארף מען נעמען אין באטראכט
ווי גרויס איז דאס מאכט
וואס האט אלץ באשאפען מיט בלויז א מאמר אליין

ס'איז דאך א דבר ידוע
אז די גאנצע מעשה הבריאה
איז געוועהן בלויז להודות ולהלל
למלך מלכי המלכים

דארף מען אפגעבען שיר־ושבח
שלא על מנת לקבל רווח
הלל והודאה
לנצח נצחים

# שבע ברכות

אשרי העומדים על סודו
להלל ולספר הודו
צו לויבען בלב תמים
צום בורא כל העולמים
שהכל ברא לכבודו

**ה**
דער מענטש האט קיין השגה
ס'איז טאקע נישט קיין שגגה
ווייל יעדער איינער דארף דאס זעהן בחוש

בכל רגע ובכל עת
געשעהט א גרויסער נס
יעדער מינוט ווערט מען באשאפען פריש

כל הנשמה תהלל
את גבורותיו מי ימלל?
אהן זיינע גרויסע חסדים
וואלטען מיר נישט געהאט קיין תקומה

אז מען טוט זיך דאס באקלערען
דארף מען זעהר דאנקבאר ווערען
געבען שבח והודאה
על כל נשימה ונשימה

לויבען מיר דעם ק-ל רם
מיט אלע כוחות עד תומם
פאר דער זייער גרויסער טובה
וואס שטייט בלשון הווה
יוצר האדם

**ו**
ברוך אתה מרא דעלמא
אשר יצר את האדם בצלמו

# שבע ברכות

דעם צלם אלקים אויף אונז ארויפגעטוהן

כמעט לויט אלע דעות
מיינט דאס בארד און פאות
(היינט פעלט דאך נעבעך זעהר שטארק דאס מין)
היינט איז ב״ה דא זייער אסאך פון דאס מין

בצלם דמות תבניתו
מיט א נשמה מתחת כסאו
מ׳האט געזעהן אז ס׳טויג נישט
היות האדם לבד

התקין לו ממנו בנין
פאר דור׳י דורות א קנין
והתקין לו ממנו
בנין עדי עד

דערפאר דארף יעדער בשר ודם
בכל מקום אשר הוא שם
מיט א הארץ גאר פריילעך
לויבען אונזער מלך
יוצר האדם

__ז__
מ׳נעמט זיך איצטיקעס מאל
טרייסטען ארץ ישראל
זאלסט דיך נישט מאכען פון די גאנצע צרה

נאר ליסטיג און פרייליך זיין
וועסט דו אין גיכען זעהן דאס שיין
דערפאר שוש תשיש ותגל העקרה

וועסט אין גיכען געהאלפען ווערען
שופר־של־משיח הערען

# שבע ברכות

ס'וועט ווערען אויס רשעים
און זכירת עמלק מחה

דער אויבערשטער מיט זיינע ווינדער
וועט צינויפנעמען זיינע קינדער
בקיבוץ בניה
לתוכה בשמחה

זאלען זיך פרייען כל אוהביה
בנחמת שעריה
ונודה ונשבח
לקל המשמח
ציון בבניה

**<u>ח</u>**
צו מזל און הצלחה
קומט די זעקסטע ברכה
א בקשה צו דעם יושב הכרובים

חתן כלה זאלסטו דערפרעהן
נחת אין זיי זעהן
שמח תשמח רעים האהובים

זאלען זיך פרייען באהבה
בשמחת אדם וחוה
שלום און רוב נחת
זאל מען זעהן ביי זיי ביידע

זאלסט זיי געבען מן השמים
א חלק פון עץ החיים
כשמחך יצירך
בגן עדן מקדם

אזוי ווינטשען מיר אלע

# שבע ברכות

פון דעם איז דאך קיין שאלה
להלל ולנצח
לקל המשמח
חתן וכלה

**<u>ט</u>**
אין א שעה א גוטע
קומט די ברכה אחריתא
ברוך בורא כלה וחתן

און צו מאכען פריילעך
איז חתן דומה למלך
האט ער אויך באשאפען שמחה וששון

ס׳וועט זיין גילה ורינה
אין א געהויבענע בחינה
דיצה וחדוה
טאנצען און געזאנג

מהרה ה׳ אלקינו
ישמע בעירנו
בשמחת אליהו
פון משיח׳ן דעם קלאנג

לארץ ישראל נעלה
אונז יידעלעך אלע
און ביי סעודת לויתן
זיך פרייען מיט אונזער חתן
יתברך ויתעלה




מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

א גוטען שבת
א לעכטיג זיסען שבת
זאגט'שע אידעלעך אלע
א גוטען שבת

א גוטען שבת
א הייליג רואיגען שבת
ווינטשען אידעלעך אלע
א גוטען שבת

שבת קודש מקור הברכות
נהללך בתשבחות
ובזמירות מתוקות בהתלהבות

כביכול פון דיין אייגען מויל
לאמיר זוכה זיין הערען דעם קול
איך ווינטש אייך אידעלעך אלע
א גוטען שבת

# אויפריך



מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

**פזמון:**

**המגיד אחרית מראשית**
**הוא יתן שם טוב ושארית**
**יתן לך האלקים מטל השמים**
**ממן פרי צדיק עץ חיים**
**באתי לגני אחותי כלה**
**בברכת יעקב וישראל סבא**
**זאלסט אויסוואקסען א גדול - עצום ורב**
**איך ווינטש אייך אלע מיט א מזל טוב**
**איך ווינטש אייך אלע מיט א מזל טוב**

אקדמות מילין, איך וויל אייך דערציילען, גאר א וויכטיגע כלל
א פראכטפול ווארט, וואס עס זאגען, אונזערע הייליגע חז״ל
אז ס'איז נישט דא, קיין איין גראז'ל
וואס אין הימעל זאל זי נישט האבען א מזל
וואס דער מזל הייסט איר וואקסען גרויס

די ספרים הקדושים זאגען, אז דאס מיינט מען איינפאך
אז אויף יעדער זאך, וואס ס'וואקסט,- איז אנגעשטעלט א מלאך
און דער מלאך גיבט השגחה
אז יעדער פירי זאל האבען א ברכה
די ווערטער פון דעם ברכה זענען דא...

**פזמון**

אל גינת אגוז ירדתי און איך הער א קליין קול
א יונג ניסעלע פרעגט זיך קשיות פינ'ם מלאך המזל
ליבער מלאך זייט נישט קיין עקשן
איר ווייסט דאך גוט וואס ס'וועט פון מיר אויסוואקסען

# אויפריף

וואס וועט זיין מיין תכלית אויף דער וועלט

איך וואלט גערין געוואלט וויסען וואס ס'וועט זיין פון מיר
כאטש ביי א שלום זכר זאל מען מיך נעמען מיט ארביס און ביר
אדער אפשר מיט חרוסת
וועט מען מיך עסען מיט וויין פון ארבע כוסות
הער צו ווי דער מלאך ענטפערט קלאר...

**פזמון**

אט איך דריי מיך אויס בחלומי והנה גפן לפני
וואקסען טרויבען אלע סארטען פון אלטע און פון ניי
הענגט א טרויבל קליין און דארליך
און איבער איר שטייט א גרויסער מלאך
איך הער זיי שמוסען זיך אויס גאר אינטערסאנט

זאגט דער טרויב צו דער מלאך וואס מיינסט דו וועט זיין
וועל איך אויסוואקסען נוי סוכה אדער א זיסער כוס פון וויין
צו קידוש און הבדלה
אדער גאר צו טרינקען ביי המן'ס מפלה
הערט'שע וואס דער מלאך האט איר געזאגט...

**פזמון**

אויף אן ארט, וואקסעןביימער, ויגמל שקדים
וואקסען מאנדלען, און א חידוש, ס'נעמט זיך איינער וויינען
שטייט א מלאך מיט א שטעקען
און וויל דעם מאנדל גוט אנשרעקען
ואמר מקל שקד אני רואה

צו וואס זאל איך וואקסען, טענה'ט דער מאנדל זיך אויס
פארוואס הייסט דו מיר הרמו מתוך העדה הזאת
צו דען א בוים וועל איך שאפין
אדער ביי א סעודת מצוה וועט מען מיך צוכאפין
זאגט דער מלאך הער צו מיינע רייד...

**פזמון**

דורכגעלאפען טעג און וואכען, מאנאטען גאר געשווינד
א מילדער ווינד א הימעל ריין באלאכטין פון די זין

# אויפריף

און די פירות קליינע
זענען אויסגעוואקסין גרויס און שיינע
אט דארף מען זיי שוין קלייבען ס'איז שוין צייט

דער טרויב ער איז אן עניו און ס'כאפט איהם אן א שרעק
פון וויינשטאק אפגעריסען און דער מלאך איז אוועק
אויך ביי די ניסלאך נישט קיין שלום
אוי וואס וועט זיין פון אונזער חלום
עס קלינגט זיי נאך אין הארצין דער געזאנג...

**פזמון**

איך קום אייך אצינד דערציילען ווי די דריי געפונען זיך יעצט
פון דער טרויב א ראזענקע געמאכט און אין קעסטיל אריינגעזעצט
די ניסילאך פארזעקעלט אלע
פארקויפט לשמחת חתן וכלה
צו דער היינטיגער שמחה גרייטען זיי זיך מיט פרייד

שבת פרי אין וויבער שוהל זיי קימען זיך דריי צוזאם
מיט ציקערלאך אין איינעם אויסגעטיילט אין יעדער האנט
אט די נשים ווארפען סחורה
דער חתן האט עולה געווען לתורה
הערט ווי די ניסילאך און ראזענקעס זינגען יעצט...

**פזמון**

ליבע מחותנים חשובע געסט און גיטע פריינט
און ספעציעל דער חתן, וואס ער איז, א מלך ביי אונז היינט
מ'דארף זיכען ווערטער קלארע
אפצוגעבען דעם באשעפער א שבח והודאה
אז מ'האט זוכה געווען צו די שמחה פון אצינד

מיר וואלטען אייך געוואלט אנווינטשען מיט הערצער פול מיט פרייד
חתן כלה די מחותנים אבער עס פעלט אונז אויס די רייד
און וייל מיר קענען נישט די מלאכה
לאמיר זיך אויס בארגעןביים מלאך א ברכה
און מיט די זיסע פירות אין איינעם ווינטשען זיי...

**פזמון**

# מזמור שיר חנוכת הבית



מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

**פזמון:**

**בכדי איך זאל - א פריילעך קול**
**פול מיט דאנק - און גרויס געזאנג**
**זינגען צו דיר - לכבודך שיר - להללך**

**אן גבול און מאס - מעג קומען וואס**
**דאן דער שטימע מיין - וועט שטיל נישט זיין**
**ה' אלוקי - לעולם אודך**

ארוממך איך וועל דיך דערהויבען
ווי דו האסט מיט מיר געטאהן
מיינע שונאים האסט דו נישט צוגעלאזט
זאלען זיך פרייען פון מיין וואונד
אין מיין שמערץ האב איך געשריגען
הער באשעפער מיין געוויין
און דו ג-ט האסט מיך אויסגעהיילט
ווי עס קען נאר ג-ט אליין

פינם - שאול תחתית האסט די מיך ארויסגעברענגט
פון טיפ'ן גריב געראטעוועט
און מיין לעבען צוריק געשענקט
מיין נישט אבער אז איך ווייס נישט
צוליב וואס דו האסט מיך אויסעהערט
נאר צוליב דעם האסט דו מיך אומגעקערט

**פזמון**

# מזמור שיר חנוכת הבית

זינגט חסידים - זיין נאמען הייליגט
בכל תוקף ובכל עוז
ווייל כאטש דער כעס קומט יעדען טאג
איז דאס נאר איין רגע בלויז
אינם שווארצע נאכט איז ביטער
און די טרערען גיסען פריי
און אין דער פרי שיינט אויף די זין
און האפענונג בליהט אויס ניי

אין מיין שטילקייט האב איך מיר געזאגט
עס קען מיר גארנישט זיין
אבער נאר דיין רצון שטעלט און שטארקט
און מאכט דאס לעבען פיין
חס ושלום ווען דו באהאלטסט דיך
קומט דער בלבול גאר געשווינד
אוי באשעפער קוק צו מיר אצונד

**פזמון**

נאר ביי דיר וועל איך מיך בעטען
נאר צו דיר וועט גיין מיין קול
וואס פארדינסט דו אז מיין בלוט פארגיסט זיך
און עס שלינגט מיר איין דער שאול
קען דיר דען די ערד פארהייליגין
דיין אמת ווייזין קליין און גרויס
הער מיך ג-ט דערווארעם דיך יעצט
און העלף מיר שוין ארויס

דו האסט מיין שרעק אוועקגעקערט
מיינע טרערען אפגעווישט
אנשטאץ דעם הספד גייט א ריקוד
לעבעדיג און פריש
מיין טרויער זאק האסט דו אוועקגענומען
אויפגעקניפט דעם שווערין בינד
און מיט פרייד מיך פארגארטעלט אצונד

**פזמון**

# מי שענה



מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

**פזמון:**

**טאטע טאטע פון הימלען שיין,**
**כאטש די מצב איז ביטער, און צייט איז ענק**
**דיין גרויסען הילף איך בעט דיר שיק אונז צו**
**אידעלען בעט מיט דיין ערענסטען קול,**
**באשעפער ענטפער ווי יענער מאל**
**מי שענה לאבותינו הוא יעננו**

און אלטער איד איז געשטנען קעגען ווינד
זיין ווייסען קאפ געלאכטען ווי די זין
אויף א הויכען בארג מיט א צוועק פון ג-ט
שעחט דיין קינד איז געווען זיין געבאט
הער צו וועל איך אייך איבערגעבען זיין געזאנג

**פזמון**

אויף א בארג אויף א מזבח אט עס ליגט א קינד
צוגעבינדען, טאטע טאטע מאך עס געשווינד
מיט א שמחה און א פרייד זיך צוגעגרייט
זיין אן עולה לה׳ אויף אייביגקייט
ביים כסא הכבוד איז געווארען א געוואלט

**פזמון**

דער קליינע יעקב האט מיך באגאנבעט, האט דער רשע געברענט
איך וועל איהם אימברענגען, צורייסען מיט די אייגענע הענט
דער קליינע יעקב איז פון דער היים אוועק
פליצלינג ווערט נאכט און עס פאלט אן א שרעק
פון פונסטער האט מען זיין ריינע קול געהערט

**פזמון**

א גאנצער פאלק ערשט פון עבודות געווארין באפרייט

# מי שענה

געלויבט צו ג-ט, מען איז שוין פטור יענער ביטערע לייט
ערשט מען דרייט זיך ארום און זיי פארין א שטארם
משה, וואס זאל מען טאן, מען שטייען
וואס פרעגט איר, אין וואסער גייט אריין מיט דעם ליד

**פזמון**




מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

הנה ימים באים
נעים ונחמדים
ונשמע קול התור

אלע שונאים אפגעווישט
מער קיין ציטערניש
בכל הארץ יקרא דרור

די אומות גרויס און קליין
וועלן אלע גיט פארשטיין
ס'וועט ארויס דעם גרויס'ן סוד

גאט'ס תפילין זאגין אויס
ווי יודין זענין גרויס
ומי כעמך גוי אחד

דער הימעל זעהט אויס שווארץ
ס'איז ביטער אפ'ן הארץ
וויפעל איז דער שיעור

חאטש די צרות זענין גרויס
דעסטוועגין – עם כל זאת
קיקין מיר נאר צי דיר

חאטש יסורים גאר א סאך
גלויבין מיר נאר אין דיין מאכט

# מיר גייען אהיים

מיר בייטין אלעמאל – ענני

בכל תוקף ובכל עוז
לייז אונץ שוין ארויס
ענטפער הויך – הנני

ותראה ותושיע
כי עת הזמיר הגיע
מ׳גייט קיין הר המוריה
דער גלות קומט שוין צו א סוף

זכור אזכרנו עוד
ס׳קימט אצינד דער עת רקוד
דער אייבערשטער שרייט אויס – יעמוד
כי כבר עבר הסתיו

אידעלך שטייט אויף דער וואַך
זיידעס, באבעס, אייניקלאך
דער גואל צדק קימט שוין גלאך
יפלטם ויושיעם

דער גרויסער שופר שטעהט שוין גרייט
כי עת לחננה – כי בא מועד
תהיה השירה זאת לעד
אידעלאך מיר גייען אהיים

**ניגון**

שטעלט אייך פאר דאס גליק
ווען די דורות קומען צוריק
אלע דורות פון אמאל

פון הרים ובקעות
אבות ואמהות
שטיין אויף אן א צאל

# מיר גייען אהיים

מנהיגים ונביאים
שופטים ונשיאים
אלע אידעלאך אן אויסנאם

אן א שיעור מיליאנים
פלעסקין מיט רננים
ווייל מיר זענין אלע צוזאם

אוי, וועט מען דאמאלץ זינגען
די גאנצע וועלט וועט קלינגען
ווען די מתים וועלין אויפשטיין

תינוקות וזקנים
ציבראכענע, קראנק אין איינם
יקומו געזינט אין שיין

מ'וועט טאנצין אין די גאסין
שפרינגען גרויסע מאסין
במעשי ידיך ארנן

ער וועט מקיים זיין לנכון
ונתתי רוחי בכם
וידעתם כי אני השם

רחל בתי אל תבכי
מנעי קולך מבכי
אשיב בניך משבי
ושבו בנים לגבולם

כלנו יחד חיים
ער לאזט נישט קיין שיריים
נחמה בכפליים
וכל אשר לך שלום

# מיר גייען אהיים

די פעלקער, זיי וועלין דערגיין
אז אידין דארף מען שיקין אהיים
נישט דערוואגין צי זאגין 'ניין'
יתגדל ויתקדש שם

צום בית המקדש וועלין מיר גיין
דעם אייבערשטער וועלין מיר זעהן
אצינד וועט דאס געשעהן
אידאלאך מיר גייען אהיים

**ניגון**



מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

שוין צוויי טויזענט יאר געווארט
א ביטער'ין גלות מיט געמאכט
אוי ווי לאנג קענין מיר דאס אויסהאלטין
ווי לאנג מיז געדויר'ן די נאכט
אוי דערנענטער דעם טאג פון משיח'ין
ברענג עס נאנט ווי גיך אין געשווינד
דאס איז פסח נאכט אונזער תפלה
און דאס בעהטען מיר אנצינד

**קרב יום אשר היא לא יום ולא לילה**

די פעלקער זיי זאגען פארפאלין
זיי מאכין אונז צו שאנד און צו שפָּאט
פארקויפט זענט איר חלילה אויף אייביג
אט דער נאכט קען נישט ענדיגען אויך אייער ג-ט
אוי באשעפער דו וועסט זיי דאך אבער באוויזען
אז דו הערשט איבער אלע'ס גרויס און קליין
דו וועסט זיי צייגין בני בכורי ישראל
כי לך היום אף הלילה גם כן

**רם הודע כי לך היום אף לך הלילה**

שוין צוויי מאל דאס שטעטיל געפאלין
שוין צוויי מאל א חורבן געזעהן
אוי ווי עס בענקט זיך צוריק קיין ירושלים
אוי ווי עס בענקט זיך צוריק אין דער היים
אוי ג-טעניו שטעל אן דער שומרים זאל'ן היטען
בכל רגע ובכל שעה ובכל עת

# קרב יום

און אינ'ם שטעטיל קער אונז צוריק אויף אייביג
דיין בית שלישי בית של אש
**שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה**

בראשית ברא צים אנפאנג האסטו באשאפין
א ליכט גאר אן אויסנאם און פיין
נישט געוואלט אז די רשעים זאלין עס ניצין
פון ערליכע אידין אויך ציגענימען דאס שיין
אוי קוק זיך צו צו דעם טיף פינסטער גלות נאכט
און מיט יענעם ליכט דעם אידין דערקוויק
און פארטרייב אויף אייביג דאס פינסטערניש
אוי באשעפער דאס ליכט קער אונז צוריק
**תאיר כאור יום חשכת לילה**




מחבר: הרב יחיאל מיכל טווערסקי

*פזמון:*

**אין יעדע איד, ליגט א חלק אלקי ממעל,**
**עס ברענט אין אונז אלע, א הייליגע פייער פון ג־ט,**
**לאמיר גיין דערפאר, מיט קאראש, מיט א גלייך געשטאלט,**
**מיר זענען דאס איינציגסטע, פאלק פון ה' אחד**

געוועז א גביר אסאך יארען צוריק, כלבא שבוע איז זיין נאמען געווען
ווען א איד איז געווען שטארק הוגעריג, ווי א הונט וואס זוכט א ביין
האט ער דעם איד עסען געגעבען, עס זאל איהם וואויל באקומען
פארשטייט איר ווי דער נאמען, כלבא שבוע האט זיך גענומען

א וואוילע טאכטער האט ער געהאט, געוואלט זי זאל א כלה ווערען
אבער אזא מין עדים וואס ער האט געזוכט, געפונט מען נישט גאר גערען
געזאגט מיין קינד א גרויסע ערליכע איד, וויל איך דו זאלסט באקומען
ער זאל זיין א לעכט, און שטעלען צו רעכט, ער זאל די ווערעטער ברימען...

**פזמון**

געגאנגען די מיידעל אין פעלד איין טאג, געזעהן א איידעל פנים
איר פאטער'ס פאסטעך איז ער געווען, גארנישט קיין מחותנים
אבער זי האט געוואוסט אז אן איידעלער מענטש, איז מער נישט דא קיין סאך
האט זי געמאכט א געוואלד, מען זאל שליסען באלד, אט דא דעם שידוך

# ר׳ עקיבא

כלבא שבוע האט גארנישט געוואלט, הערען אזעלעכע זאכען
אויב אזא עם הארץ וועט ווערען דיין מאן, וועלען מענטשען פון מיר לאכען
די טאכטער האט אבער נישט געפאלגט, און דעם שידוך געטוהן פון דעסען
ווייל זי האט פארשטאנען, וואס דא איז פארהאן, און געזאגט טאטע דו האסט פארגעסען...

**פזמון**

געגאנגען איר פאטער אין גרויסע כעס, געברענט אין איהם א פייער
געמאכט א נדר מען זאל וויסען גוט, ער געט זיי נישט צו שטייער
און מיט גרויס ווייטאג און ארעמיקייט, זענען זיי ארויס צום לעבען
און מיט פרייד געלויבט, פאר דעם שטיקעלע ברויט, וואט ג-ט האט זיי געגעבען

איין טאג זאגט זי עקיבא מיין מאן, צום לערנען מוזטו זיך נעמען
און כאטש דו קענסט נישט קיין אלף־בית, זאלסטו זיך נישט שעהמען
און טאמער מיינסטו עס איז שוין צו שפעט, אז לערנען זאלסטו קענען
וועל איך דיר זאגען מיין בעל, א הייליגע כלל, די ווערטער וועלעכע זענען...

**פזמון**

ארויס געגאנגען עקיבא אין פעלד, איר ווערטער צו באקלערען
נישט געוואוסט אויב צו פערציג יאר, קען נאך עפעס פון איהם ווערען
זיך פארקוקט אין א שטיין און דארט געזעהן, וואסער טראפען זיך ווי טרערען
און געמאכט א לאך, אין דעם שטיין ביז צום תוך, און ער האט זיך גענומען קלערען

אויב וואסער וואס איז א ווייעכע זאך, קען לעכערען א שטיין
איז דאך פשוט אז אין א ווייעכע קאפ, קען תורה אריין גיין
איך וועל זיך טאקע נישט שעהמען, און איך וועל לערנען אונזער תורה

# ר' עקיבא

און איך וועל האלטען אין געדאנק, דעם דאזיגע געזאנג, און איך וועל נישט האבען קיין מורה...

**פזמון**

אוועק געפארען אויף צוועלעף יאר, א גרויסע גאון געווארען
זיך מיישב געווען אז עס איז שוין צייט, אהיים צוריק צו פארען
צוועלעף טויזענט תלמידים האבען איהם באגלייט, אהיים ביז צי די טיר
זיך געשטעלט ביים טויר, און צוגעלייגט אן אויער, און געהערט ווי א שכינה זאגט איר

ווי לאנג וועסט דו אזוי אן גיין, ווי אן אלמנה לעבע,
ענטפערט זי מיט גרויס ערענסטקייט, מיין שכינה זאלסט מין גלייבען
אויב ער וואלט נאך צו מיר צוגעהערט, וואלט ער נאך דארט געזעצען
צו פארשפרייטען די ווערטער, אויף אלע ערטער, מען זאל זיי נישט פארגעסען...

**פזמון**

זיך צוריק געקערט אויף נאך צוועלעף יאר, געווארען נאך מער גאון
אזוי ווייט אז אפילו בן עזאי זאגט, מיט איהם פאנג איך נישט אהן
אהיים געפארען נאך אמאל, געקומען צו לויפען זיין שווער
און געזאגט רבי איך האב פיין, איך וויל מתיר נדר זיין, מיין עדים קען לערנען איך הער

ר' עקיבא האט ערענסט זיין שאלה באקלערט, און מותר לך געגעבען א זאג
האט גע'ענטפערט זיין שווער איך געב איהם יעצט, האלב וואס איך פארמאג,
די תלמידים האבען איהם דען אויסגעזאגט, דיין עדים איז טאקע דער
וואס האט דיין נדר צוריסען, יעצט וועסט דו וויסען, צו געדענקען די ווערטער...

**פזמון**

# ר׳ עקיבא

געשטאנען מיט אלע תלמידים, ווען עס איז געקומען זיין פרוי צו גיין
מיט צוריסענע קליידער אנגעטאהן, זייער ארום אויסגעזעהן
די תלמידים האבען מיט וואונדער געפרעגט, וואס ווילסט דו פון דעם רבי'ן
ענטפערט זי מיט א פייער, פאר'ן רבי'ן אייערע, האב איך מיין לעבען אוועק געגעבען

געהערט ר׳ עקיבא, פון די ווייטענס דעם געוואלד
געזעהן מען לאזט נישט זיין פרוי דורך גיין, געזאגט לאזט איר דורך באלד
אייער רבי בין איך יעצט, ווייל זי האט מיך אויסגעלערנט דעם ליד
אז וואס ווינציג מען קען, איז אלטס צייט צו טאהן, דאס איז דער כח פון דעם איד...

**פזמון**

די צייטענס זענען געווארען שלעכט, הצליח מעשה שטן
ארויס געגאנגען א גזירה, לערנען תורה איז שטארק פארבאטען,
נישט געקוקט אויף דעם און זיין שיעור געזאגט, געלערנט מיט גרויס כוונה
און גע'ענטפערט א פרעגער, וואס האט געפרעגט ווי מעג ער, עס איז דאך א סכנה

געלאפען די פיש פון די פישער נעץ, האט זיי א פוקס און עצה געגעבען
פארוואס קומסטו נישט אויף די טרוקעניש, דארט וועסטו בעסער לעבען
האבען די פיש געזאגט אז אויב אין וואסער נישט, איז דאך כל שכן אויף די ערד
און דער זעלבע מיט די תורה, אויב א איד האט מורא, איז ער זיכער גארנישט ווערט

**פזמון**

איז געקומען אבער דעם פינסטרען טאג, ווען ער איז ארעסטירט געווארען
געגאנגען מיט שטאלץ מיט א גלייך געשטאלט, זיך גארנישט נישט פארלארען

# ר׳ עקיבא

זיין פנים האט ווי א לעכט געשיינט, געברענט ווי א פלאם פייער
געזאגט צו זיין צורר, איך האב נישט קיין מורא, פאר די קעמלעך אייערע

די מערדערס האבען פון דעם גרויסע מענטש, לעבעדיגע שטיקער געריסען
מיט גרויס וואונדער האבען אלע באמערקט, ער מאכט זיך גארנישט וויסען
און מיט די הייליגע ווערטער ה׳ אחד, האט זיין נשמה צוריק געקערט
און ער האט געוויזען איבעראל, ווי אמת איז די כלל, וואס איר האט דא אלע געהערט...

**פזמון**